**גוט שבת אלע אידן.** די פאלגענדע מעשה איז איינע פון די מערסט מוראדיגע מעשיות וואס מען האט דערציילט לעצטענס. דער מעשה איז געשען מער ווי 39 יאר צוריק אין דעם הייליגען שטאט צפת מיט א איד וואס הייסט מרדכי שאבאבו' (זיין עכטע נאמען.) מרדכי איז נעבעך געווען דעמאלט א פרייער ארץ ישראל'דיגער איד. כאטש אפילו זיין טאטע איז געווען פרום, האט ער אליינס זיך נישט אויפגעפירט ווי אן ערליכער איד, ביז איין טאג ווען אלעס האט זיך געטוישט נאך אן מוראדיגע השתלשלות.

כדי צו פארשטיין די מעשה דארפן מיר אביסל מסביר זיין א שטיקל הינטערגרונט. זאגט דער הייליגער רש"י אויפן פסוק "ובחקתיהם לא תלכו," אז איינע פון די פשוטים איז "... אלו נמוסות שלהן... כגון טרטיאות ואצטדיאות." ד"ה, די הייליגע תורה האט עס פארבאטן טייל צו נעמען אין די גויאישע מושבי לצים פון די אלע "טרטיאות ואצטדיאות." אזוי ווי ר' שמעון בן פזי האט געדרשנט אויפן פסוק "אשרי האיש אשר לא הלך" – לטרטיאות ולקרקסיאות של עובדי כוכבים. (עבודה זרה יח:)

עטליכע אין 2500 יאר צוריק איז צושפרייט געווארן דורך די יוונים די ענין פון שפילן אין די 'טרטיאות ואצטדיאות.' אין די צייטן פון די חשמונאים, האבן די יוונים ימ"ש געצווינגען אידן צו משתתף זיין אין די מושבי לצים.

אין היינטיגע טעג, קומען צוזאמען די אומות העולם אין א געוויסע שטאט יעדע פאר יאר כדי צו מאכן די גרויסע פארמעסטן אין "אצטדיאות," אזוי ווי די יוונים האבן געטון טויזענטע יאר צוריק. מרדכי שאבאבו' האט זיך נעבעך אויך משתתף געווען אין די פארמעסטן, ווייל ער איז א שטארקער גבור. אין די יאר תשל"ב האבן די גרויסע פארמעסטן געדארפט זיין אין מינכען, דייטשלאנד. די מדינה האט געוואלט שיקן מרדכי קיין מינכען ווייל ער איז געווען דער בעסטער אין זיין תחום. טאמער מרדכי וועט געווינען, וועט עס זיין א גרויסע גאוה פאר די מדינה.

כאטש אפילו מרדכי אליינס איז נישט געווען קיין פרומער איד, האט ער געהאט גרויסע יחוס. איינער פון מרדכי'ס זיידעס איז געווען
ר' יושע שבאבו, א תלמיד פון דעם אריז"ל, עטליכע 400 יאר צוריק. מרדכי'ס טאטע איז געווען אן עסקן אין שטאט צפת. ער איז געווען א חבר אין די חברה קדישא, און ער איז אויך געווען דער שמש פון דעם באקאנטען אלשיך הקדוש'ס שול. דער הייליגער אלשיך, וואס איז אוועק בערך 411 יאר צוריק איז געווען א ריזיגער תלמיד חכם, א דיין, און א מקובל וואס האט מחבר געווען ספרים, פארגעלערנט ברבים און נאך זיין הסתלקות איז באגראבן געווארן אין שטאט צפת. מרדכי'ס טאטע האט געהאט אחריות אויפצוהאלטן דעם אלשיך שול וואס איז לעבן דעם אלשיכ'ס קבר.

פאר א פאר טעג אין די זומער פון תשל"ב, האט מרדכי'ס טאטע נישט געקענט טון זיין הייליגע עבודה אלס שמש אין דעם אלשיך שול. צוליב דעם האט ער געבעטן פון זיין זון מרדכי אז ער זאל זיך זארגן אויף דעם שול. מרדכי'ס ערשטע מחשבה איז געווען אפצוזאגן זיין טאטען ווייל ער איז טרוד געווען מיט צוגרייטן פאר די גרויס פארמעסטן אין דייטשלאנד, עטליכע וואכן דערנאך. אבער, דער פינטעלע איד אין מרדכי איז נתעורר געווארן און צום סוף האט ער מסכים געווען צו העלפן זיין טאטען, אפילו עס וועט אוועקנעמען פון זיין הכנות.

איין נאכט, אפאר טעג נאכדעם וואס מרדכי האט אנגעהויבן צו ארבעטן אין דעם שול איז דער הייליגער אלשיך זי"ע געקומען צו אים אין חלום. דער אלשיך האט באוויזן צו אים אנגעטון מיט ווייסע קליידער. דער מקובל האט באדאנקט מרדכי פארן מאכן דעם שול אזוי ריין און ליכטיג, אבער דער צדיק האט אויך געזאגט "אבער אין די הייל וואו איך בין, איז עס פינסטער און שמוציג, און אפגעלאזן, עד כדי כך אז קיינער קען נישט צוקומען צו מיין קבר." דער אלשיך האט געבעטן אז מרדכי זאל רייניקן דעם הייל.

מרדכי איז אויפגעשטאנען דעם נעקסטען טאג און דער חלום האט אים געשטערט אביסל. אבער ער האט גארנישט געטון וועגן רייניקן דעם קבר. נאכדעם אבער וואס ער האט געחלומט דעם זעלבן חלום נאך צוויי מאל, איז מרדכי געווארן באזארגט.

מרדכי'ס ווייב האט זיך גע'עקש'נט אז ער זאל טאקע אננעמען אויף זיך צו טון עפעס וועגן דעם אלשיכ'ס קבר, אבער מרדכי האט נישט געוואלט. ווייל ער האט געדארפט פארן עטליכע טעג ארום צו די פארמעסטן אין מינכען. ער האט געמאכט הכנות פאר די פארמעסטן שוין עטליכע יארן! די גאנצע גאוה פון דער מדינה איז געווען תלוי אויף אים! און ער האט נישט געוואלט פארפאסן דעם געלעגנהייט.

זיין ווייב האט אים נישט אפגעלאזט. אפילו זיי זענען נישט געווען פרום, זענען זיי אזוי דערשראקן געווארן פון דעם חלום, אז מרדכי האט צום סוף מסכים געווען צו בלייבן אין צפת כדי צו רייניקן דעם אלשיכ'ס קבר.

48 שעה פאר זיי האבן געדארפט ארויספארן קיין מינכען, האט מרדכי זיי אנגערופן צו זאגן אז ער קען נישט מיטפארן. ער האט גע'טענה'עט אז ער פילט נישט גוט. זיי האבן אלעס געטון צו צווינגען מרדכי ער זאל טאקע פארן, זיי האבן אפילו פארגעשלאגן שוחד! אבער, ער האט בשום אופן נישט מסכים געווען צו פארן.

בשעת זיינע חברים זענען ארויפגעגאנגען אויף דעם עראפלאן קיין דייטשלאנד, האט מרדכי שוין אנגעהויבן דעם שווערן ארבעט פון רייניקן דעם הייליגן אלשיכ'ס קבר. ער האט געדארפט ארויסנעמען אלע מיסט און אוועקרוקן גרויסע שטיינער כדי מען זאל קענען אריינגיין צום הייל פונעם קבר. אלעס האט ער געקענט טון נאר ווייל דער אייבערשטער האט אים געבענטשט מיט שטארקע כוחות הגוף.

עטליכע טעג שפעטער האט מרדכי געהערט די שלעכטע בשורה פון מינכען וועגן די מוראדיגע טראגעדיע אז די 11 משתתפים פון ארץ ישראל זענען נעבאך געהרגעט געווארן דורך אראבישע טעראריסטן, ימ"ש. מרדכי איז געווארן איבערראשט! ער איז געראטעוועט געווארן דורך דעם אלשיך הקדוש.

פארשטייט זיך אז מרדכי מיט זיין בני משפחה זענען געווארן מער און מער פרום. יעצט איז ער געווען דעם גאנצען טאג אין דעם אלשיך שול און אין דעם הייל פונעם קבר, וואו ער האט געדאווענט און געלערנט. ער איז אויך געווארן זיין טאטע'ס ממלא מקום אלס שמש. נאך זעקס חדשים האט מרדכי געענדיגט דעם שווערן ארבעט פון רייניקן דעם הייל, נאר דעמאלט האט דער עולם געקענט צוקומען צו דעם קבר, נאך אזוי סאך יארן פון נישט קענען.

דורך די לעצטע 39 יאר האט מרדכי אויסגעהאלטן עטליכע קברים פון צדיקים אין צפת. אלעס טוט מרדכי לשם שמים ווייל ער באקומט נישט קיין באלוינונג פאר זיינע הייליגע ארבעט. היינט לעבט מרדכי מיט זיין ערליכע קינדער און אייניקלעך אין צפת.

מען זעט פון דא דעם כח פון א צדיק. דער אלשיך הקדוש איז געקומען אין חלום צו מרדכי און ער האט אים געראטעוועט פון א מיתה משונה, ל"ע. די תורה רעדט די וואך פון דעם ענין. זאגט רש"י אויפ'ן פסוק "והיה ברכה" – הברכות נתונות בידך, עד עכשיו היו בידי, ברכתי לאדם ונח, ומעכשיו אתה תברך את אשר תחפוץ." – זאגט דער אייבערשטער צו אברהם אבינו ע"ה, ביז יעצט איז דער כח צו בענטשן נאר געווען אין מיין הענט, יעצט אבער גייסטו אויך האבן דעם כח צו בענטשן וועמען דו ווילסט." פון דא זעט מען אז דער אייבערשטער האט געגעבן א געוויסע כח צו צדיקים. דורך התקשרות צו צדיקים קענען מיר אלע זוכה זיין צו די השפעות טובות וועלכע קומען אראפ דורך דעם צדיק. **גוט שבת אלע אידן.**